## ד"ר ישׂראל סטופּניק

# גאָמולקאַ (אַ געשיכטלעכע דערציילונג)

פֿון די צײַטן פֿון מלך באָלעסלאַוו ביזן סוף פֿון דער פּוילישער פֿאָלקסרעפּובליק און דער ווידערגעבורט פֿון פּוילישער רעפּובליק, האָט פּוילן דורכגעמאַכט אַלערליי גילגולים. זי האָט געהאַט צײַטן פֿון פֿרײַהייט, מאָמענטן אין וועלכע זי איז געווען כמעט אַ גרויסמאַכט, און יאָרן פֿון פֿאַרשקלאַפֿונג. זי האָט דורכגעלעבט קורצע שלום-תּקופֿות און לאַנגע מלחמה-יאָרן.

אַרײַנגעפּאַסט אינעם האַרץ פֿון מזרח-אייראָפּע, איז זי אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון מעכטיקע שכנים: פּרײַסן, רוסלאַנד, און עסטרײַך-אונגאַרן. אין 1812, אינעם נאַפּאָלעאָנישן אויפֿברויז, איז אַנטשטאַנען דער וואַרשעווער דוקאַט. בײַם סוף פֿונעם באָנאַפּאַרטישן פֿרילינג איז פּוילן צעטיילט געוואָרן אין ווין — אין יאָר 1815, דורך די אַנטיילנעמער אין הייליקן אַליאַנץ — צווישן דעם רוסישן צאַר, פּרײַסן, און דעם עסטרײַך-אונגאַרישן קיסר. אין פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט זײַנען פֿאַרגעקומען אויפֿשטאַנען און עס זענען געפֿירט געוואָרן קאַמפֿן פֿאַר פּוילנס פֿרײַהייט. די פֿרײַהייט איז ערשט געקומען אין יאָר 1918, בײַם סוף פֿון דער ערשטער וועלט-מלחמה, ווען די ראָמאַנאָוו-אימפּעריע איז זיך צעפֿאַלן.

פּוילנס אומאָפּהענגיקייט האָט בלויז אָנגעהאַלטן איין און צוואָנציק יאָר.

דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939 האָט דײַטשלאַנד אינוואַדירט פּוילן. דאָס איז געווען דער פֿונק וואָס האָט אָנגעצונדן די מעכטיקע שׂריפֿה: די צווייטע וועלט-מלחמה. די פּוילישע אינפֿאַנטעריע און קאַוואַלעריע זענען צעשמעטערט געוואָרן דורך די פּאַנצער-דיוויזיעס, וואָס האָבן אָנגעגריפֿן סינכראָניזירט מיט דער לופֿטוואַפֿע וואָס האָט באָמבאַדירט פֿון די הימלען. נאָך דרײַ וואָכן האָט זיך פֿאַרענדיקט דער פּוילישער ווידערשטאַנד. דײַטשלאַנד האָט פֿאַרנומען צענטראַל- און מערבֿ-פּוילן, דער ראַטן-פֿאַרבאַנד האָט פֿאַרנומען מזרח-פּוילן און ווילנע איז איבערגעגעבן געוואָרן ליטע. אַט די נײַע צעטיילונג פֿון פּוילן צווישן דײַטשלאַנד און רוסלאַנד איז געווען אַ טייל פֿון די געהיימע פּראָטאָקאָלן פֿון מאָלאָטאָוו-ריבענטראָפּ-אָפּמאַך.

די דאָזיקע לאַגע האָט זיך געענדערט אין יוני 1941, ווען דײַטשלאַנד איז באַפֿאַלן דעם ראַטן-פֿאַרבאַנד. דער ערשטער שריט איז געווען דאָס פֿאַרנעמען מזרח-פּוילן. שפּעטער זענען פֿאַרנומען געוואָרן ווײַסרוסלאַנד, אוקראַיִנע, קרים, און אַ גרויסע טייל רוסלאַנד דערגרייכנדיק ביז די טויערן פֿון מאָסקווע, לענינגראַד און סטאַלינגראַד. אין דעם פּונקט האָט זיך דער דײַטשער אַוואַנס אָפּגעשטעלט. זײַן צוריקקער האָט זיך אָנגעהויבן — דער אָנזאָג פֿון דײַטשלאַנדס מפּלה.

אין צווישנצײַט האָט דײַטשלאַנד געלאָזט וויסן דער וועלט וועגן דער שחיטה אין קאַטין און באַשולדיקט דעם ראַטן-פֿאַרבאַנד אין האָבן דערשאָסן טויזנטער פּוילישע אָפֿיצירן. דער אינטערנאַציאָנאַלער רויטער קרייץ האָט נאָכן דיקטאַט פֿון אַ ספּעציעלער קאָמיסיע פֿאַראַנטוואָרטלעך געמאַכט דעם ראַטנמאַכט פֿאַר דער שחיטה. די פּוילישע גלות-רעגירונג, פֿון איר זיצפּלאַץ אין לאָנדאָן, בעט אויסצופֿאָרשן דעם ענין און אָננעמען די געהעריקע סאַנקציעס. סטאַלינס רעגירונג וואַרפֿט אָפּ די באַשולדיקונגען און באַשולדיקט דײַטשלאַנד, און פֿול מיט צאָרן רײַסט זי איבער די באַציונגען מיט דער פּוילישער גלות-רעגירונג און גיט איר שטיצע דעם באַפֿרײַונגס-קאָמיטעט וואָס וועט זיך ספּעטער אײַנאָרדענען אין לובלין.

נאָך דעם וואָס דער ראַטן-פֿאַרבאַנד איז אויפֿגעלייזט געוואָרן האָט רוסלאַנד אָנערקענט אַז סטאַלין האָט באַפֿוילן דורכצופֿירן די קאַטין-שחיטה.

* * *

ווען די זיגרײַכע סאָוועטישע אַרמיי האָט אַוואַנסירט מיטן ציל צו פֿאַרנעמען דײַטשלאַנד, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט בײַ די טויערן פֿון וואַרשע, ווײַל די דאָרטיקע באַפֿעלקערונג איז אויפֿגעשטאַנען קעגן די סוינעם. דער אַוואַנס איז פֿאַרגעזעצט געוואָרן מיט צוויי חדשים שפּעטער, נאָך דעם וואָס די דײַטשן האָבן דערטרונקען אין בלוט און פֿײַער דעם פּוילישן אויפֿשטאַנד אין חרובֿער וואַרשע. די צעשטערונג פֿון פּוילנס הויפּטשטאָט איז דורכגעפֿירט געוואָרן אין דרײַ עטאַפּן: אין סעפּטעמבער 1939, בײַסן אָנהייב פֿון דער מלחמה; צווישן אַפּריל און יוני 1943, בײַם דערשטיקן דעם געטאָ-אויפֿשטאַנד; און די לעצטע, בײַם אונטערדריקן דעם אויפֿשטאַנד דעם פּוילישן.

אין אַ געוויסער מאָס האָבן די סאָוועטישע כּוחות באַטראַכט די פּוילישע קעמפֿער בייסן אופֿשטאַנד מיט די זעלבער גלײַכגילטיקייט מיט וועלכע אָט די פּאָליאַקן האָבן געקוקט אין אַפּריל 1943 אויף די ייִדישע קעמפֿער פֿון געטאָ-אופֿשטאַנד.

פֿאַרשטייט זיך, אַז ווי נאָר די סאָוועטן זענען אַרײַן אין וואַרשע און האָבן באַפֿרײַט פּוילן פֿונעם פֿינפֿיעריקן נאַצי-גיהנום, האָט איבערגענומען די מאַכט דער לובלינער קאָמיטעט, וואָס האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט די פּראָוויזאָרישע רעגירונג. די גלות-רעגירונג, די לעצטע וואָס פּוילן האָט פֿאַרמאָגט ערבֿ איר מפּלה און צעטיילונג, איז נישט דערלויבט געוואָרן אומצוקערן זיך. די פּראָוויזאָרישע רעגירונג, ד״ה דער לובלינער קאָמיטעט, אָדער בעסער געזאָגט די סאָוועטן, האָט גערופֿן צו וואַלן — אין וועלכע עס האָט געווונען (ווי עס איז פֿאַרשטענדלעך) די קאָאַליציע אין וועלכער די פֿאַראייניקטע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז געשטאַנען בראָש. אַזאַ נאָמען האָט מען געגעבן דער נײַער קאָמוניסטישער פּאַרטיי וואָס איז געגרינדעט געוואָרן נאָך דעם וואָס די אַלטע איז אויפֿגעלייזט געוואָרן. עס איז צונויפֿגעשטעלט געוואָרן אַ קאָאַליציע-רעגירונג מיט די אַלייִרטע פּאַרטייען, מיט דער כּוונה צו ווײַזן דער וועלט אַז די רעגירונג איז אַ פּלוראַליסטישע און דעמאָקראַטישע. אַזוי אַרום איז אײַנגעפֿירט געוואָרן אין דער פּוילישער געאָגראַפֿיע — די פּוילישע דעמאָקראַטישע רעפּובליק, דער נײַער רעזשים לויטן סאָוועטישן מאָדעל גלײַך ווי די וואָס זענען אײַנגעפֿירט געוואָרן אין בולגאַריע, רומעניע, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקײַ, אַלבאַניע, מזרח-דײַטשלאַנד און יוגאָסלאַוויע. אָט די לעצטע מדינה האָט זיך אָפּגעריסן פֿונעם קרעמל אין 1948.

המשך קומט